# עולת שבת בשבתו

**ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**פה ק"ק קרית יואל יצ"ו**

בעזהשי"ת | פרשת בהעלתך | כיתה ו' ז' תשע"א לפ"ק



## דורש טוב

**ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה:** זאגט רש"י: להגיד שבחו של אהרן שלא שינה.

לכאורה איז שווער, וואס איז די לויב אויף אהרן הכהן דער גרויסער צדיק, אז ער האט נישט געטוהן אנדערש ווי השי"ת האט געהייסן.

ענטפערט דער **הייליגער בני יששכר** זי"ע אין זיין ספר **אגרא דכלה**, עס ווערט געברענגט א מעשה אין **ספר חסידים**, אז עס איז געווען א באהאלטענער צדיק וואס איז געווען דער משמש אין בית המדרש, און ווען ער פלעגט אנגיסן די אויל אינעם לייכטער, איז ער געווען אינגאנצן פארטיפט אין הייליגע מחשבות פון אהבת הבורא, אז ער האט נישט געזעהן וואו ער גיסט די אויל, און די גאנצע אויל האט זיך אויסגעגאסן, ווען דער רב פון די שטאט האט דאס באמערקט האט ער פארשטאנען זיין גרויסקייט, האט ער געזאגט אז דער משמש זאל ווערן רב אנשטאט אים.

דאס דערציילט רש"י די גרויסע מעלה פון אהרן הכהן, אז כאטש ער האט אינזין געהאט אלע הייליגע כוונות ביים צינדן די מנורה, דאך האט ער געקענט אכטונג געבן נישט אויסצוגיסן די אויל א.ד.ג.

דאס איז פשט אין פסוק: **ויעש כן אהרן** אהרן האט טאקע אזוי געטוהן, **אל מול פני המנורה העלה נרותיה**, אז ער האט געצינדן די ליכט פונקטליך ווי ער האט געדארפט, **כאשר צוה ה' את משה**, אזוי ווי השי"ת האט געהייסן, און ער האט דאס נישט אויסגעגאסן.

**ידיעות פון די וואך**

## מ'דארף שוין נישט זינגען...

געווען איז דאס בשנת תר"ע לפ"ק, ווען דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** איז דאן אלט געווען 23 יאר (דער רבי זי"ע איז געבוירן געווארן ח"י טבת תרמ"ז). דער רבי איז דאן געווען אין מאריענבאד, וואו עס האט זיך דארט אויך געפונען דער **וויזניצער רבי** זצ"ל דער **"אהבת ישראל"**, פרייטאג צו נאכטס האט דער רבי מחליט געווען אז עס וואלט געפאסט מפני הכבוד אז ער זאל גיין צום וויזניצער רבי'נס טיש.

דער רבי איז דארט געזעסן ביים טיש די גאנצע צייט, און ער האט מיטגעהאלטן ווי דער וויזניצער רבי פירט דעם טיש וואס האט געדויערט שעות ארוכות מיט כל מיני ניגונים, און ווי ער אליין ארבעט מיטן עולם אין יעדן ניגון, אויף אן אופן וואס איז פארן רבי'ן געווען פרעמד, וויבאלד אין סיגעט האט דאס זינגען נישט פארנומען קיין גאר גרויס ארט.

פלוצים דרייט זיך דער **וויזשניצער רבי** אויס צום רבי'ן און זאגט אים:

"מיר געפונען אין פר' בהעלותך, אז די לויים האבן געדארפט גיין טוהן די עבודה אין בית המקדש אנגעהויבן ביי די פינף און צוואנציג יאר און זיי האבן געדינט ביז די פופציג יאר, ביי די פופציג יאר שטייט אין פסוק, **ומבן חמשים שנה ישוב מצבא העבודה ולא יעבוד עוד**, דארף מען פארשטיין פארוואס דארפן שוין די לויים נישט ארבעטן העכער די פופציג יאר?"

"נאר דער ענין איז, די עבודה פון די לויים איז דאך געווען צו זינגען אין בית המקדש און מעורר זיין אידישע קינדער צו תשובה ותיקון המעשים, דעריבער זענען זיי געווען די אלע יארן אין בית המקדש, אבער במשך די יארן זענען זיי אזוי אויסגעארבעט געווארן אין זייערע מדריגות אז ווען זיי זענען אלט געווארן 50 יארן האבן זיי שוין מער נישט געמוזט זינגען ווייל בלויז אנקוקן זייערע הייליגע אויסגעלייטערטע צורות, דאס אליין האט שוין מעורר געווען אידישע קינדער צו תשובה."

האט דער **וויזניצער רבי** אויסגעפירט "איר האלט שוין דארט אז איר דארפט נישט זינגען, מיר דארפן נאך יא זינגען"... (דער אהבת ישראל איז שוין דאן געווען העכער די פופציג יאר, ווידער דער רבי איז נאכנישט אלט געווען 25 יאר).

# מוסר הפרשה

**והיית לנו לעינים:** זאגט רש"י: כל דבר שיתעלם מעינינו תהיה מאיר עינינו.

לכאורה איז שווער וואסערע זאך קען דאס זיין, אז משה רבינו וועט נישט וויסן און יתרו יא?

ענטפערט דער **רבי בעל דברי יואל זלה"ה** אז עס שטייט, אז ווען משה רבינו האט געלערנט מיט די אידן די הלכות, וועלכע חיה און בהמה מען מעג עסן און וועלכע נישט, האט ער געברענגט א בהמה און געוויזן "**זאת" החיה אשר תאכלו**. אבער עס שטייט אין די **ספרים הקדושים** אז אלעס וואס א צדיק קוקט אן מיט די אויגן ווערט הייליג, אפילו א טמא'נע בהמה ווערט טהור, אויב אזוי איז שווער ווי אזוי האט משה רבינו געקענט ווייזן אויף די טמא'נע בהמות, וויבאלד ער האט געקוקט דערויף איז עס דאך שוין טהור געווארן.

ווען דעם איז יתרו מיטגעקומען מיט די אידן, כדי ער זאל ווייזן אויף די בהמות וועט עס נישט ווערן טהור, וועט מען קענען פארשטיין קלאר די הלכות.

דאס זאגט רש"י: **כל דבר** א יעדע זאך, **שיתעלם מעינינו** וואס וועט ווערן פארהוילן פון אונזערע אויגן, דאס מיינט אז עס וועט ווערן אויס טמא ווען אונזערע אויגן קוקן דערויף. **תהיה מאיר עינינו** וועסטו יתרו דערלייכטן אונזערע אויגן צו קענען פארשטיין די הלכות, דורכן ווייזן די בהמות. (רביה"ק בעל דבר"י זי"ע בשנות הת"ר - ועדיין לא נדפס).

*

**ויצעק משה אל ה', א-ל נא רפא נא לה:** לכאורה איז שווער, פארוואס האט משה רבינו נישט דערמאנט מרים'ס נאמען? אז מען איז מתפלל פאר א חולה דארף מען דאך דערמאנען דעם נאמען?

זאגט דער הייליגער **דגל מחנה אפרים**, אז דער נאמען איז שוין מרומז אין זיינע ווערטער, ווייל די 2 ווערטער "רפא נא" באטרעפט 332 - די זעלבע ווי מרים בת יוכבד.

(דער טעם פארוואס ער האט דערמאנט איר נאמען נאר ברמז, ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים, אז אויב עס איז דא א גרויסער קטרוג אויף א מענטש זאל מען נישט דערמאנען זיין נאמען, נאר בעטן במחשבה, כדי די מקטריגים זאלן נישט קענען שטערן די תפלה. אבער במחשבה מעג מען יא, ווייל די מלאכים פארשטייען נישט קיין מחשבות (עי' בני יששכר לחודש תשרי מ"ב אות ו').)

# די "נשא תורה" (ב)

מיר װעלן דא ממשיך זיין צו לערנען אין די "**ידיעות**" איבער די "6 **טאגיגע מלחמה**" און די "**נשא תורה**".

דער המון עם איז געװען אינגאנצן איבערגענומען פון די מכלומר'שטע **נסים** װאס די ציונים האבן געהאט באװיזן, און מען האט דאס אריינגעלייגט אין די הייליגסטע באגריפן װאס כלל ישראל האט.

געװיסע קרייזן האבן דאן פראקלאמירט א "**מבצע**" פון אנטון **תפילין** פאר אלע פושעי ישראל, װאס דאס האט לכאורה געברױכט סימבאלירן דעם התעוררות תשובה װאס האט באנומען כלל ישראל א דאנק די מלחמה, עס זענען פארשפרייט געװארן גרױסע פלאקאטן מיט בילדער װי די סאלדאטן פון די ציוני'סטישע ארמיי לייגן תפילין, און דאס האט נאך פארגרעסערט דעם טשטוש המוחין ביי כלל ישראל.

**עטליכע זאצן פון די פלאמפייערדיגע װערטער װאס דער רבי בעל דברי יואל זי"ע האט געזאגט ביי די "בהעלתך תורה"!**

"װער עס פרייט זיך מיטן נצחון פון די רשעים, דער פרייט זיך מיטן ס"מ מ'זאל װיסן מ'שפילט זיך מיט פייער!".

"אז איינער קלערט אז ס'איז א דבר טוב, אז מ'ברויך האבן א מלכות המינות על ישראל, דער איז א כופר בעיקר, װער װייסט װאס די מדינה װעט נאך ברענגען אויף אידן מורי ורבותי! מיר דארפן גרויס רחמים מן השמים, װילאנג די מלוכה שטייט דארף מען רחמים מן השמים".

"עס איז קיין שום ספק נישט אז דע מדינה װעט פארברענט װערן כלה ואבד איידער משיח װעט קומען!!! ביאת המשיח װעט נישט זיין ביז ס'װעט נישט זיין א שריד ופליט פון די מלוכה, דאס מוז בטל ומבוטל װערן!"

װי עס געדענקען נאך אידן װי אזוי דער מצב האט אויסגעזען אין יענע טעג, אז װען א איד אין סאטמארער בית המדרש האט זיך אנגערופן אז "מסתמא װעט דער רבי נישט לאזן גיין צום כותל", האט מען אים באפאלן מיט זלזולים היתכן ער טרויט זיך אזוי צו רעדן...

אין יענע טעג האבן דעם רבי'נס מקורבים אים פרובירט איינצובעטן אז ער זאל אין דעם יעצטיגן מצב גארנישט רעדן, װייל לויט דעם שרעקליכן נצחון געפיל װאס אלע האבן געשפירט איז דאס ארויסגיין קעגן אזא שטראם געװען פארבינדן מיט סכנת נפשות ממש. װי מען הערט אויף א טעיפ װאס איז אויפגעכאפט געװארן יענע װאך ביי אן אסיפה ביים רבי'ן אין שטוב קאכט זיך דער רבי זייער און ער איז מסופק צו ער זאל רעדן ביי שלש סעודות איבער דעם ענין, און אלע ארומיגע מקורבים האבן דעם רבי'ן געראטן אז שב ואל תעשה עדיף, און ער זאל נישט ארויסגיין אין א מלחמה גלוי' װאס איז אזוי מסוכן.

אבער דער רבי האט מחליט געװען אז ער מוז יא רעדן.

יענעם שבת פרשת נשא ביי **שלש סעודות** האט דער רבי "גערעדט צום כלל ישראל" זאגענדיג די באקאנטע "**נשא תורה**", װאס דאס האט אויפגעשאקעלט א װעלט, דער רבי האט קלאר און דייטליך מגלה געװען דעם דעת תורה מיוסד אויף דברי חכז"ל ראשונים ואחרונים ודברי רבותינו הק' מוסדי דור ודור, **אז עס זאגן אז השי"ת זאל מאכן נסים דורך מינים ואפיקורסים דאס איז מינות וכפירה**, און קיין ערליכער איד טאר ניטאמאל האבן אזא מחשבה, נאר צומאל האט ליידער די סטרא אחרא א כח צו מאכן נסים פאר די רשעים, אבער אין דעם פאל איז ניטאמאל דאס געװען, דאס איז א בלויזע הצלחה װאס די

ציונים האבן בדרך הטבע מנצח געווען, און א אחיזת עיניים פון די כוחות הטומאה וואס ווילן אריינשלעפן דעם כלל ישראל אין די נסיונות צו פארשלעפט ווערן נאך די רשעים.

דער רבי האט דאן מגלה געווען דעת קדשו אז מען זאל נישט גיין צום **כותל המערבי** און די אנדערע מקומות וואס זענען אין יענע צייט איינגענומען געווארן דורך די ציונים, ווייל דאס גיט זיי חיזוק און ברענגט צו התקרבות לרשעים.

די ווערטער פון רבי'ן זענען געזאגט געווארן מיט דברים היוצאים מלב טהור מיט בכיות און גרויס צובראכענקייט פארן חילול כבוד שמים ועלבון התורה הק' ווי אידן ווערן פארנער'ט מחזק צו זיין דעם כח הכפירה והמינות אין די מוחות פון אידישע קינדער.

אזוי האט נאכגעפאלגט די קומענדיגע וואכן פון פר' **בהעלותך, שלח, קרח,** וואו דער רבי האט בקול חוצב להבות אש געעפענט די אויגן פון אידישע קינדער, און אויפגעוויזן ווי אזוי א איד דארף צו שטיין קעגן די פגעי הזמן און נישט זיך לאזן ווערן נאכגעשלעפט נאך די נסיונות העצומות.

אט די הייליגע תורות דאס האט געעפענט די אויגן פון ערליכע אידן איבער די וועלט און מען האט זיך ארומגעזעהן ווי ווייט מען איז פארשלעפט געווארן דורך די ציוני'סטישע פראפעגאנדע מאשין, און דער שארית הפליטה האט זיך גאר שנעל אפגעשאקעלט פון דעם כפירה אפאראט וואס די ציונים האבן דערין געוואלט אריינשלעפן דעם גאנצן יהדות החרדית.

די ווערטער פונעם רבי'ן ביי שלש סעודות ווען ער האט גע'אסר'ט צו גיין צום **כותל המערבי**, האט אויסגערופן א שטורעם איבער די וועלט, אפילו צווישן די ערליכע אידן וואס האבן נישט געהאט קיין שייכות צו די ציונים האבן נישט געקענט פארשטיין די סיבה פארוואס דער רבי לאזט נישט גיין צום כותל, און וואס איז יעצט אנדערש ווי אלע יארן בעפאר ווען דער כותל המערבי איז אלס געווען א פלאץ וואו אידישע קינדער פלעגן גיין זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן בורא עולם און וואס איז היינט אנדערש.

דער רבי איז אבער געשטאנען דרייסט ביי זיין מיינונג אז מיטן גיין צום כותל גיט מען חיזוק און א הסכמה אויף דאס וואס די ציונים האבן מלחמה געהאלטן מיט די אראבער און עובר געווען אויף התגרות באומות און גורם געווען צום בלוט פארגיסונג פון אידישע קינדער.

**(אין די ידיעות פון די קומענדיגע וואך וועלן מיר לערנען ווי אזוי עס איז געשריבן געווארן דער ספר הקדוש "על הגאולה ועל התמורה")**

## קצינים שבהם? מוקצים שבהם!

אין די וואכענדיגע סדרה אויפן פסוק ותבער בם אש ה' **ותאכל ב'קצה' המחנה,** ברענגט רש"י 2 פשטים לויט איין פשט זאגט רש"י **קצינים שבהם**, דאס מיינט די חשוב'ע צווישן די אידן, און לויט איין פשט זאגט רש"י אז דאס מיינט, **מוקצים שבהם**, דאס מיינט די אפגעשיידטע, די ערב רב.

אין די צייטן פון די 6 טאגיגע מלחמה, האבן די ציונים איינגענומען דעם "**כותל המערבי**" און טויזענטער אידן זענען געלאפן מיט איין שמחה צום כותל, דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** איז געווען דער איינציגסטער וואס האט געשריגן אז מ'טאר נישט גיין צום כותל (זע ידיעות).

אין יענע טעג איז געווען ביים רבי'ן זיין תלמיד חביב כ"ק **אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל**, און ער האט געשמועסט מיטן רבי'ן איבער דעם מצב אין ארץ ישראל, דער שמועס איז דאן רעקארדירט געווארן אויף א טעיפ, וואו מען הערט ווי דער תולדות אהרן רבי דערציילט פארן רבי'ן אז די הויפט פאליציי האט אים גערופן אז ער זאל קומען צום כותל, נאך איידער דער רבי האט דאס גע'אסר'ט אבער ער האט נישט געוואלט גיין.

דער תולדות אהרן רבי האט דאן געזאגט פארן רבי'ן בזה"ל "אין די ערשטע טעג פאר מען האט נאך געקענט גיין צום כותל המערבי, האט דער "**קצין**" פון די פאליציי... (קצין מיינט אויף די טמא'נע שפראך אזוי ווי א 'הויפט')

דער רבי האט אים איבערגעהאקט און א שריי געגעבן: "**קצין**?"... **קצינים שבהם, מוקצים שבהם!** דאס איז זיכער דער פשט אין רש"י!

(דער רבי האט מיט דעם געזאגט אז דאס וואס די ציונים רופן דאס אויף זייער טמא'נע שפראך "קצין" דאס קומט פונעםווארט "מוקצה", וואס מיינט אפגעשיידט און נידריג!)